# צום פינטל

גליון פט
פרשת פנחס תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

גורלות

### • גורל כשאין עצה

ווען ס'טרעפט זיך א ענין, מ'איז מסופק צו יא צו נישט, מ'קען נישט אפשאצן צו יא צו נישט, דעמאלטס מאכט מען א גורל, מ'לייגט ארויף די צוויי צדדים אויף צעטלעך, און דער צעטעלע וואס מ'האט ארויסגעקליבן, דער צעטעלע האט געוואונען דעם 'גורל'. ווען מ'ווייסט נישט צו מ'זאל גיין רעכטס אדער לינקס, מאכט מען א 'גורל'. אויב מ'צווייפלט זיך און מ'ווייסט נישט ווער ס'זאל באקומען וואס, מאכט מען א גורל. א 'גורל' איז א גוטע עצה פאר יעדער מצב וואס מ'קען זיך נישט קיין עצה געבן, מ'לאזט די גורל טון די ארבעט פאר אונז.

ווען דער מענטש זעט אז ער האט נישט די כח פון 'קלויבן', ער ווייסט נישט צו רעכטס צו לינקס, ער פלאנטירט ארום יא ניין ניין יא, ס'איז אים נישט מעגליך צו 'קלויבן' מיטן שכל, ביידע זייטן ציט אים פונקט די זעלבע, איז דא נאר איין עצה, מאך א 'גורל', א 'גורל' דארף נישט קיין כח השכל. אויב דער 'שכל' קען נישט אפמאכן, ס'ציט פונקט אהער ווי אהין, דער 'גורל' קען אבער יא אפמאכן, די 'גורל' קען קלויבן און אפמאכן פאר דיר.

די כח הגורל איז העכער פונעם מענטש, דער מענטש געבט אוועק די כח השכל, ער געבט אוועק די כח פון 'קלויבן', זיין שכל און זיינע רצונות, ער פארלאזט זיך אויפן 'גורל', ער געבט זיך איבער פארן 'גורל'.

דער 'גורל' קוקט אויס ווי א 'מקרה', במקרה איז דאס ארויסגעקומען ביים גורל, א מזל זאך, אבער באמת איז די גורל א שטארקע כח, דער גורל האט עפעס וואס דער שכל האט נישט. די מעלה פונעם 'שכל' איז מיטן 'קלויבן', און די מעלה פונעם 'גורל' איז מיט דעם וואס ער קלויבט נישט, די במקרה'דיג'קייט וואס דער 'גורל' האט, דאס איז גאר זיין שטארקייט.

### • אין שואלין בגורלות

אין שלחן ערוך (יו"ד סימן קע"ט ס"א) ווערט גע'פסק'נט אז 'אין שואלים בגורלות', גורלות איז א חשש פון 'ניחוש'. מ'דארף פארשטיין וואס איז פשט אז דער עולם איז יא מקיל צו מאכן 'גורלות', און נישט נאר 'גורלות' אויף זיך צו צוטיילן, נאר אויך 'גורלות' צו וויסן אויפן 'עתיד', ווי שטומט דאס מיטן שלחן ערוך.

**דער ערשטער איז פארגלייבט אינעם גורל, דער גורל איז ביי אים ווי א נַחַש, דאס איז טאקע אסור, אבער דער צווייטער ביי אים איז די 'גורל' א פשוטע און פראקטישע זאך ארויסצוקריכן פון די ספיקות**

במיוחד איז באקאנט די 'גורל הגר"א' וואס מ'עפענט א 'ספר' און מ'טרעפט דארט א 'רמז' צו וואס מ'זוכט, וואס דאס איז זייער באקאנט אין די ליטווישע וועלט, ס'איז דא אויף דעם אסאך אינטערסאנטע מעשיות, איז וואס איז די היתר פון דעם?

[אגב, כדאי לציין דשורש גורל הגר"א היא בעצם בספרי חסידות על שם הבעש"ט, למצוא פתרון כל דבר בתורה הקדושה, וכשמסופקים באיזה דבר לפתוח ספר ולמצוא שם סמך לידע מה לעשות, כמבואר בשם הקוזניצר מגיד על המשנה 'וכל מעשיך בספר נכתבים', שבבית ראשון היו לנו אורים ותומים, ובבית שני על פי בת קול, וכהיום 'וכל מעשיך בספר נכתבים', כל יהודי יכול למצוא פתרון לעניניו בספרי הקודש.]

ס'איז דא צוויי וועגען צו צוגיין צו א 'גורל', מ'קען צוגיין אז דער 'גורל' איז א גאנצע מציאות, מיין גוטס און שלעכטס איז תלוי אינעם גורל, און מ'קען צוגיין אז איך זיך פשוט א וועג ארויס, איך ווייס נישט צו איך זאל גיין צו רעכטס אדער צו לינקס, ס'איז מיר נישט מעגליך אפצומאכן און צו קלויבן, מאך איך דעם גורל פשוט זיך ארויסצוזען פונעם ספק.

דער ערשטער איז פארגלייבט אינעם גורל, דער גורל איז ביי אים ווי א נַחַש, דאס איז טאקע אסור, אבער דער צווייטער ביי אים איז די 'גורל' א פשוטע און פראקטישע זאך ארויסצוקריכן פון די ספיקות, דאס איז נישט קיין שום שאלה, דאס איז נישט אין כלל פון די איסור גורלות (עי' בסר ידיעות שלמה חוברות א ידיעה ד להמדקדק הגדול הרש"פ שמאריך ביסוד זה, בשני אופנים שעושים גורל, אופן האסור ואופן המותר).

די גמרא זאגט אויף די 'סימנים' וואס מ'עסט ראש השנה ביינאכט, 'אף על פי שאין נַחַש יש סימן', וואס איז דאס א נַחַש און וואס איז דאס א 'סימן', א 'נַחַש' מיינט נער'ישע און פארגלייבטע זאכן, זאכן וואס ווערט געמאכט מיט אזא סארט פארגעטערטקייט, און 'סימן' מיינט א לייכטע סימן, א ענין און א רמז, עפעס וואס צייכנט מיר אָן און העלפט מיר און וואס ס'פעלט מיר אויס. די 'סימנים' ראש השנה ביינאכט עסט מען פאר 'סימנא מילתא', נישט בתור נַחַש אז אין דעם וועט זיך אלעס כמובן.

מעין זה איז אויך ביי 'גורלות', אויב נעמט מען עס בתור 'סימנא מילתא' איז דאס א גוטע זאך, ווי מ'זעט אסאך אויך אין פסוקים און חז"ל אז מ'פלעגט מאכן געוויסע גורלות, אבער אויב מ'נעמט עס מיט א נישט נארמאלע פארגלייבטקייט קען דאס זיין אין כלל פון נַחַש.

במיוחד איז מען מקיל א 'גורל' ווען ס'ווערט געמאכט דורך א הייליגע ספר, וואס דאן פארלאזט מען זיך אז ס'ווערט געמאכט אויף די ריכטיגע און ריינע וועג. מ'געפינט זיך און א פלאָנטער און מ'קען נישט אפמאכן צו רעכטס אדער צו לינקס, מ'זוכט א פשוטע און לייכטע עצה

המשך בעמוד הבא

ארויסצוגיין פון די פלאנטערנישן, ממילא איז דאס נישט בתור פארגלייבטקייט נאר בתור 'סימנא מילתא' (עי' בתשובות והנהגות ח"א סימן תתנ"ו, וכעין זה אומרים בשם החזו"א).

## גורל למעלה מטעם ודעת

שטייט אין פסוק אין משלי 'בחיק יוטל הגורל ומה' כל משפטו' (משלי טז לג), די ביסט מסדר אינטן, און דער אייבערשטער איז דאס שוין מסדר אויבן (עי' גר"א שם). ס'איז מבואר אין חז"ל און אין ספרים הקדושים אז דער 'גורל' איז עפעס העכערס, ס'איז נישט סתם א 'מקרה', ס'איז א כח עליון למעלה מטעם ודעת. במיוחד פון דעם וואס מ'זעט אז דער מענטש מוז אוועקגעבן זיין טעם ודעת, זיין שכל, צו קענען מאכן א גורל, מיינט דאס בעומק אז דער 'גורל' איז א העכערע כוח, העכער פון די בחירה פונעם מענטש. דער מענטש געבט אוועק זיין 'קלויבעריי', און ער לאזט זיך פירן פונעם 'גורל' וואס איז העכער אים.

בעצם וואלט א מענטש געקענט סתם אזוי זאגן, איך האב נישט קיין שום אנאונג, איך ווייס נישט וואס ס'איז גוט פאר מיר, איך ווייס נישט צו ס'איז גוט פאר מיר רעכטס אדער לינקס, איז וויאזוי דער באשעפער וויל אזוי זאל ער פירן צום גוטן.

אבער די ווערטער ארבעטן נישט למעשה, ווייל וואס זאל איך למעשה טון, איך שטיי יעצט דא און איך דארף וויסן צו איך זאל גיין רעכטס אדער לינקס, ס'איז נישט קיין חילוק ווי א גרויסע בעל בטחון דער מענטש איז, דער מענטש קען זיין דער גרעסטער בעל בטחון, אבער ווערטער פון 'בטחון' וועלן קיינמאל נישט קענען ארבעטן אין אזא מצב, ווען א מענטש שטייט ביי א ספק למעשה, ער ווייסט נישט צו רעכטס אדער צו לינקס, דא מוז מען ארויסנעמען די כח פונעם 'גורל', נאר דער 'גורל' וועט דיר ארויסשלעפן פון דיינע ספיקות, געב עס איבער פארן באשעפער דורכן כח הגורל.

ביי א ערליכע יוד ווען ער מאכט א 'גורל' איז נישט פשט אז דער 'גורל' כאילו ווייסט וואס איז פאר מיר גוט, נאר די 'גורל' העלפט פשוט זיך א עצה צו געבן, דער 'גורל' העלפט ארויסצוגיין פון די אייגענע 'בחירה', און זיך איבערגעבן פארן באשעפער.

## גורלות אין די תורה

די תורה הקדושה איז פיל מיט די ענין פון גורל, ביי די קרבנות פון יום כיפור, ביים צוטיילן ארץ ישראל, די גורל פון עכן אין ספר יהושע, די גורל פון המן פורים. אויך אין חז"ל איז דא גאר אסאך, די שבטים האבן געמאכט א גורל ווער ס'זאל גיין מעלדן פאר יעקב אבינו אז מ'האט געטראפן די העמדל מיט בלוט, און אזוי ווייטער קען מען אויסרעכנען גאר אסאך חז"לן פון גורלות.

די גורל אין אונזער פרשה פרשת פנחס, איז א גרויסע מחלוקת וואס דאס האט געטון, מ'זעט אין די פסוקים אז געוויסע זאכן האט מען געטון אָן די גורל, איז די מפרשים זענען מאריך וואס האט מען געטון מיט די גורל, און וואס האט מען געטון אָן די גורל. די חלוקת השבטים, די חלוקת המשפחות והיחידים, די גרויסקייט פון די חלקים, די איכות פון די חלקים.

דאס זעט מען אבער שטארק אין די לשונות הפסוקים, אז די 'גורל' האט געהאלפן אז די יודן זאלן זיין צופרידן און נישט האבן קיין טענות, וויסענדיג אז אזוי איז ארויסגעקומען פון די 'גורל', בפרט אז די אורים ותומים האט צוגעהאלפן צום גורל, דאס האט זיי געגעבן די שטארקייט, וויסענדיג אז אזוי איז עס, און זיי האבן נישט געהאט קיין טענות.

## לשונות בגורל

ס'איז דא עטליכע לשונות אויף 'גורל', גורל - פור – חולש - חבל, די לשון 'גורל' טרעפט מען אויך אויף א 'נחלה', 'גורלך תפיל בתוכנו', אבער דאס קומט ווייל דורך א 'גורל' באקומט מען א 'נחלה', דורך א גורל באקומט מען א חלק, די שורש פון די לשון 'גורל' איז יתכן אז ס'איז פון די לשון 'גרידה', מ'שלעפט ארויס א צעטעלע פונעם 'קלפי'.

'פור' איז דאס וואס זאגן אז 'לשון פרסי', אנדערע זאגט אז ס'איז פון די לשון 'פרירים', ווי דער רש"פ (חשק שלמה ערך פור) איז מסביר אז 'פור' איז א סארט טאפ וואס אין דעם האט מען מפרד געווען, און דאס האט מען געניצט במקום א 'קלפי'. 'חולש' זאגן די מפרשים אז ס'איז פון די לשון 'חולשה', היות ביים ווארפן גורל, ווארפט מען אראפ אלע צעטלעך, רופט זיך עס אָן חולש.

מאכן א גורל איז אויך דא פארשידענע נעמען אין תנ"ך, הפלת גורל, הטלת גורל, ירה, ידה, עלה הגורל, יצא הגורל, און נאך פיל, קודם האט מען אראפגעווארן אלע צעטלעך, און נאכדעם האט מען ארויסגעצויגן און ארויפגעברענגט אין צעטל. ס'איז יתכן אז די לשון הפלה איז מתחלה, און די לשון העלאה והוצאה איז שפעטער, ביים ארויסנעמען איינס פון די צעטלעך הייסט עס 'עלה הגורל' אדער 'יצא הגורל'.

## גורל וקנין

מ'ווייסט אז א גורל איז אויך א קנין, ס'איז דא געוויסע מחלוקת'ן אין דעם. מ'דארף פארשטיין וואס האט א 'גורל' מיט א 'קנין' צו טון, פארוואס זאל א 'גורל' זיין א קנין, קנין 'משיכה' למשל איז א פעולה פון 'משיכה' צו זיך, 'הגבהה' איז אויך א תנועה ווי מ'הייבט כאילו אויף צו זיך, קנין חזקה ווייזט א געוויסע בעלות, אויך 'שטר' איז א 'בעלות', די גמרא זאגט אז א 'שטר' איז ווי די בענדל פונעם קרקע, די ראיה פונעם 'שטר' געבט א חוזק אינעם קרקע, וואס דאס ווערט גענוצט אויך פאר א ענין. אבער א 'גורל' איז דאך סתם צו צוטיילן צווישן צוויי מענטשן, וואס האט דאס צו טון מיט א 'קנין'.

מ'ווייסט אז א 'קנין' איז 'סמיכות דעת', ווילאנג מ'רעדט פון א מכירה קען זיין אז ס'איז סתם גערעדט, אז מ'מאכט א 'קנין' מיינט דאס אז דאס איז עס, א קנין איז סמיכות דעת אז דאס איז עס. איז יתכן אז היות מ'געבט זיך שטארק איבער פארן 'גורל' אויף זיך צו צוטיילן, דער 'גורל' זאגט אז דאס איז עס, דאס איז דיינס און דאס איז מיינס, אויטאמאטיש מיינט דאס בעומק א 'קנין', די דארפסט וויסן אז אויב די גייסט איין פאר א גורל מיינט דאס אז דאס איז עס, וויאזוי די גורל גייט אויסקומען גייסטו זיין צופרידן, מיינט דאך דאס אויטאמאטיש אז א 'גורל' האט סמיכות דעת.

## עובדין דחול כאיסור כללי

'עובדין דחול', וואכנדיגע מעשים. איסורי דרבנן זענען געוויינטליך אסור אלץ א פרטיות'דיגע גזירה, אבער 'עובדין דחול' איז א כללות'דיגע איסור, אלע 'וואכנדיגע מעשים' זענען אין כלל פון 'עובדין דחול'. 'עובדין דחול' איז א 'לשון רבים', ווייל ס'איז כולל אסאך וואכענדיגע זאכן אין איין גרויסע איסור, אלעס וואס שמעקט וואכענדיג איז אין כלל פון 'עובדין דחול'.

'עובדין דחול' האט געוויסע קולות מער ווי אנדערע איסורין דרבנן (למשל עובדין דחול על ידי גוי, עובדין דחול מוצאי שבת קודם הבדלה, ועוד). 'עובדין דחול' איז א כללות'דיגע איסור, מעין ווי א 'לאו שבכללות' איז גרינגער ווי א 'לאו פרטי', ווייל ווען מ'זאגט א 'לאו פרטי' מ'טאר נישט טון די און די זאך, איז דאס זייער שארף געזאגט, די און די זאך איז אסור, אבער ווען מ'זאגט כללות'דיג, איז דאס נישט אזוי שארף געזאגט. די זעלבע זאך 'עובדין דחול' היות ס'איז איין גרויסע איסור פאר פארשידענע וואכנדיגע זאכן, איז דאס נישט אזא שארפע איסור ווי א איסור פרטי.

נאך א סיבה פארוואס 'עובדין דחול' איז א כללות'דיגע איסור, ווייל 'עובדין דחול' נעמט אריין אין זיך אסאך זאכן, אפילו יעדער פרטיות'דיגע עובדין דחול' נעמט אויך אריין אין זיך אסאך זאכן, וואס דאס מאכט די איסור פון 'עובדין דחול' פאר א כללות'דיגע איסור. נעם למשל די 'עובדין דחול' פון 'מדידה', וועסטו זען ווי גאר אסאך מלאכות נוצן 'מדידה' פאר א העלפער. אדער נעם למשל די עובדין דחול פון 'טירחא', וואס דאס גייט מיט מיט אסאך מלאכות, טירחא באגלייט גאר אסאך מלאכות ווי ס'וועט ווערן נתבאר.

## עובדין דחול המסייע למלאכות

אז די נעמסט די 'עובדין דחול' פון 'מדידה' וועסטו זען, ווי נאנט 'מדידה' איז צו גאר אסאך מלאכות, די מלאכות פון בגדים האבן געהאט אסאך 'מדידה', די מלאכות פון בונה וסותר און מכה בפטיש, די מלאכה פון כתיבה. אין שלחן ערוך (שכג) זעט מען 'מדידה' אלץ א 'עובדין דחול' פון 'מקח וממכר', אין די אלטע צייטן אויפן מארק האט די 'מדידה' גאר שטארק געלעבט, 'מדידה' איז געווען א חלק ממש פון די קויפן און פארקויפן.

אין מארק פלעגט מען שטיין שעות און זיין פארנומען אפצואוועגען, אונזערע זיידעס און באבעס זענען געשטאנען אין געשעפט א לאנגע צייט און געמאסטן און געוואויגען פאר יעדער זאך וואס מ'האט געקויפט. אמאליגע צייטן ווען די מעסטן איז געווען מיט היפש פרימעטיווע כלים, האט די מעסטן געקענט נעמען א לאנגע צייט, מ'איז געשטאנען געמאסטן און געוואויגען אראפגערעכנט צוגעלייגט, די גאנצע מעמד און מצב פון מעסטן איז געווען אויף א קביעות'דיגע אופן.

אויך איז 'מדידה' נאנט צו 'כתיבה', מדידה און כתיבה האבן זיך געטראפן אין געשעפטביים קויפן, יעדער זאך וואס מ'האט אפגעוואויגען האט מען גלייך פארשריבן, אפגעוואויגען פארשריבן און גערעכנט איינס נאך די אנדערע. בכלל האט די רעכענען געקענט נעמען א שטיק צייט, ס'איז נישט געווען ווי האנט וואס ס'קענט זיך און ס'פארט אלעס האט גענומען צייט.

אלע מלאכות פון בונה און מכה בפטיש איז געגאנגען מיט 'מדידה', מ'קען נישט בויען גארנישט גאר נישט אָן קיין גוטע מדידה, בנין בקרקע בנין בכלים, אויסשפרייטן אהלים, אלעס גייט מיט 'מדידה'. אויך אלע מלאכות פון נייען קליידער, מלאכת תופר וקורע, און אפילו די מלאכות פארדעם, אלעס איז כסדר אריינגעקומען די זאך פון 'מדידה', אז מ'איז געגאנגען קויפן א שטיקל סחורה אין געשעפט, האט מען געדארפט 'מדידה', אז מ'האט זיך געזעצט נייען, האט מען געהאלטן און איין מעסטן, יעדער שטיקל פונעם 'בגד' האט געדארפט א עקסטערע פוקנטליכע מדידה, און אזוי אויך 'קורע' האט געדארפט 'מדידה' וכו'.

און אזוי אויך ביי די מלאכות פון די עורות, למשל ביי 'מלאכת משרטט' דארף מען אנצייכנען ליינס, מ'מאכט עס מיט א פינקטליכע מדידה, ביי יעדער אינטש למשל מאכט מען נאך א ליין, נאך א שירטוט, און אזוי ווייטער.

> **'טירחא' באגלייט ממש אלע ל"ט מלאכות, אלעס גייט מיט 'טירחא', אנגעפאנגען פון די י"א מלאכות בפת, חורש זורע און ווייטער, אלע מלאכות פון די בגדים פון די עורות, בונה וסותר, הוצאה, אלעס איז די סדר דורך 'טירחא מרובה', ממילא ווערט 'טירחא' בעצם א עובדין דחול'דיגע זאך, אפילו ווען ס'איז נישט מקושר צו מלאכות**

## טירחא וכלים המיוחדים

און דאס איז נישט נאר ביי 'מדידה' דאס איז ביי אלע וואכענדיגע זאכן, אלע עובדין דחול זענען כללות'דיגע זאכן וואס קומט אריין ביי אלע מלאכות, ווי למשל 'טירחא' איז א עובדין דחול'דיגע זאך, 'טירחא' באגלייט ממש אלע ל"ט מלאכות, אלעס גייט מיט 'טירחא', אנגעפאנגען פון די י"א מלאכות בפת, חורש זורע און ווייטער, אלע מלאכות פון די בגדים פון די עורות, בונה וסותר, הוצאה, אלעס איז די סדר דורך 'טירחא מרובה', ממילא ווערט 'טירחא' בעצם א עובדין דחול'דיגע זאך, אפילו ווען ס'איז נישט מקושר צו מלאכות, ווייל במהותה איז טירחא א זאך וואס באגלייט די מלאכות.

ס'איז דא א 'עובדין דחול' וואס ריפט זיך 'כלי המיוחד', א כלי וואס איז מיוחד פאר מלאכות, טאר מען נישט ניצן שבת, ס'איז א 'עובדין דחול', אפילו ווען מ'טוט נישט מיט דעם קיין מלאכה. שטייט אין סימן שכא אז מ'טאר נישט ניצן א ריב אייזן, א מורג חרוץ, אפילו ווען מ'וויל נאר 'טוחן' זיין פת, וואס פת איז נישט דא קיין איסור טוחן, ווייל די עצם ניצן א כלי וואס ס'איז מיוחד פאר מלאכות, דאס גופא איז 'עובדין דחול'.

און די סיבה צו דעם איז, ווייל רוב מלאכות איז בעיקר מיט 'כלים', מיט די הענט האט מען כמעט נישט געמאכט קיין מלאכות, מיט די הענט איז על פי רוב א 'שינוי'. כך היא דרכן של מלאכות אז מ'מאכט עס מיט 'כלים', ממילא איז כלים וואס זענען מיוחד למלאכה אין כלל פון 'עובדין דחול', אפילו ווען ס'איז אויף א מותר'דיגע וועג.

## קביעות אין וואכענדיגע זאכן

אין הלכות יום טוב איז דא נאך א 'עובדין דחול' וואס ווערט נישט

המשך בעמוד הבא

דערמאנט שבת. די אלע מלאכת אוכל נפש וואס די חכמים האבן גע'אסר'ט יום טוב, קענען ווערן אנגערופן 'עובדין דחול'. די חכמים האבן גע'אסר'ט אלע מלאכות פאר מלאכת לש, ווייל זייער סדר איז צו מאכן אסאך אויף אמאל, דאס גופא אז זייער סדר איז צו מאכן אסאך אויף א קביעות'דיגע אופן, דאס מאכט אז אפילו איך וויל נאר מאכן אביסעלע, איז עס שוין אויך אסור אלץ 'עובדין דחול'. די עצם מלאכות ווערן שוין באטראכט ווי וואכענדיגע מלאכות, כאטש זיי זענען אוכל נפש, און איך מאך נאר פאר ווי סאך איך דארף האבן אין יום טוב, אבער זיי זענען וואכענדיגע מלאכות, עובדין דחול.

בכלל דארף מען וויסן אז זיך אריינלייגן בקביעות אין זאכן, לייגט צו אז ס'זאל זיין ביי דעם 'עובדין דחול', שבת איז דא די שבת'דיגע ראוטין פון מנוחה, ווען א מענטש איז במנוחה לייגט ער זיך נישט אריין אין גארנישט, ער לעבט מיט זיך, ממילא איז זיך ארייגלייגען בקביעות א סתירה צו שבת'דיג'קייט. לדוגמא געבן צו עסן פאר די בהמות ועופות שבת, איז דא געוויסע הלכות וואס די חכמים האבן גע'אסר'ט אלץ טירחא, ווי ס'איז מבואר אין סימן שכ"ה, אז די טראכסט אריין וואס דאס מיינט געבן צו עסן פאר בהמות ועופות, ווי סאך שעות א מענטש האט פארברענגט אין שטאל פאר די זאכן, דאס מאכט אז אזעלכע זאכן זאלן ווערן שנעל 'עובדין דחול'.

און דאס איז אויך די עובדין דחול פון די מלאכות האסורות יום טוב, היות זייער סדר איז צו מאכן אסאך אויף אמאל, האט דאס די 'קביעות' וואס גייט אלעמאל מיט מיט מלאכות, אלע מלאכות ווערן על פי רוב געמאכט אויף א מורא'דיגע קביעות'דיגע אופן, במיוחד די סארטן מלאכות וואס ווערן געמאכט אסאך אויף אמאל פאר א לאנגע צייט, די מלאכות זענען במיוחד עובדין דחול, און אפילו ווען מ'מאכט נאר אביסל אויף אמאל.

## די דרך פון מלאכות, קביעות

די דרך פון מלאכה אינדערוואכן איז אויף א קביעות'דיגע אופן, אינדערוואכן איז מען איינגעזינקן אין מלאכות שעות אויף שעות, ממילא די קביעות געבט אסאך צו צו עובדין דחול'ס, אז מ'לייגט זיך אריין בקביעות אין זאכן וואס שלעפט ארויס פונעם שבת, ווערט מען ארייגעשלעפט אין א וואכנדיגע אטמאספערע, א אטמאספערע וואס שלעפט ארויס פון די שבת'דיגע לופט, א אטמאספערע וואס שלעפט דיך אריין אין די קביעות'דיגע לופט פון אינדערוואכן.

יעדער זאך וואס מ'וועט מאכן און ס'וועט זיין אביסל עובדין דחול'דיג, אויב וועט עס זיין מיט א 'קביעות' וועט עס אסאך שנעלער ווערן 'עובדין דחול', ווייל דאס איז די דרך פון מלאכות בכלל, דאס איז די דרך פון אינדערוואכן, מ'איז איינגעזונקן אין זאכן בקביעות.

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס מ'מעג ניצן א האמער שבת אויפצוקראכן א קוקאנאט, לכאורה א 'האמער' איז דאך א 'כל המיוחד' פאר מלאכות, פארוואס איז נישט דא ביי דעם קיין עובדין דחול. לויט ווי געשמעוסט איז גוט, ווייל ניצן א האמער פאר עפעס וואס איז פונקט אונטערגעקומען, איז נישט אין כלל פון עובדין דחול.

שטייט אין אגרות משה (אור"ח ח"ד סימן ע"ד דיני טוחן ס"ק ד') אז 'עובדין דחול' מיינט אז די מלאכה ווערט געמאכט אויף א גוטע אופן, ס'ווערט געמאכט אויף די זעלבע וועג ווי אזוי מ'מאכט א מלאכה קבועה, שבת'דיג מיינט אז ס'ווערט געמאכט אויף א עראי'דיגע אופן אָן קיינע קפידות. ער ברענגט דארט די הלכה פון הלכות יום טוב סימן תקא אז מ'זאל נישט האקן קיין האלץ מיט א קרדום, און רש"י זאגט אז זיי זענען 'כלי אומן' און ס'קוקט אויס ווי ער טיט א מלאכה, ס'קוקט אויס ווי 'עובדין דחול'. (מלאכות זענען 'לאדזשיט' מיט א פונקטליכקייט).

און דאס איז אויך די יסוד פון א 'מוריג חריץ', ס'קוקט אויס ווי מ'גייט זיך איינזינקן בקביעות אין 'טוחן', די 'טוחן' איז טאקע מותר, די ווילסט נאר טוחן זיין ברויט וואס ס'איז 'אין טוחן אחר טוחן', אבער היות די זינקסט זיך איין אין דעם, די מאכסט עס מיט א קביעות אזוויי אינדערוואכן, אינדערוואכן טוט מען מלאכות אויף א גוטע און א פארפעשנעל וועג און מיט א קביעות, מאכט דאס אז ניצן 'כלים' וואס מ'טוט מיט זיי מלאכות, די עצם ניצן די כלים זאל זיין 'עובדין דחול'.

און מיט דעם לאמיר נאכאמאל צוריק קומען צו 'עובדין דחול' פון יום טוב, מלאכות פון אוכל נפש וואס מ'מאכט פאר א לענגערע צייט אויף איינמאל, האבן די חכמים גע'אסר'ט, ווייל ס'ווערט געמאכט 'מעס פראדאקשן', קצירה למשל איז די סדר אינדערוואכן צו מאכן גאר אסאך אויף אמאל, ממילא איז קצירה בכלל בגדר 'עובדין דחול', ער ווערט א 'עובדין דחול' בעצם אפילו מ'מאכט נאר אביסעלע (עי' ביאור הגרא תצה דהיא משום עובדין דחול).

אדער 'גיבון' (מאכן טשיז) וואס דאס איז אויך די דרך צו מאכן אסאך אויף אמאל (וכן צידה, ויש אומרים גם חליבה, עי' בפוסקים סימן תצה וסימן תקו). אדער טחינה במכתשת וריחים וואס מיט אזעלכע כלים איז די דרך צו מאכן אסאך אויף אמאל, איז עס 'עובדין דחול' (יש לידע דעובדין דחול בדברים אלו בהלכות יום טוב אין להם קולות של עובדין דחול, דאכן הם נקראים 'עובדין דחול' על שם מה שנתבאר, אבל למעשה אין להם הקולות, דנאסרו כמו שאר איסורי דרבנן. וכן כשמשתמשים בלשון 'טירחא' בהלכות אלו ביום טוב, בדרך כלל אין הכונה לטירחא, אלא הכונה למלאכה גמורה של לצורך היום, והבן).

נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** מצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com

עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+